MAYN BIKHL

Tsipe Pres



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG


•


MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:


Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center


•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.









צ. פּרעס

מיין ביכל

פאַרן ערשטן שול־יאָר

אילוסטרירט חיים האַנפּט

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע.


PRINTED IN POLAND

קלישעס בײ „גראַפיקאָן“, מאַרשאַלקאָווסקע 131
דרוקערײ י. הענדלער, װאַרשע, דלוגע 26

C. PRES / MAJN BICHL
ILUSTR. / CH. HANFT / WARSZAWA
WYD. / B. KLECKIN / WARSZAWA / LESZNO 36.
DRUK. / I. HENDLERA / WARSZAWA / DŁUGA 26.

מיין פעטער שלמה

אַ מתנה





ɣnlcn


ɣnlcn

ɣelcn



ɣelcɴ


ɣ6lc6




lcɔ lc6


lcɔ lcɔ lc6

lcɔ lcɔ lcɔ lc6









ne ne vlvne


le bare velen

le bare velen

le bare ana6

le bare anlce




פי פי פי
רי רי רי
טי לי לי
טי לי לי
טיס טיס טיס

פירט פישעלע

שימעלע פישעלע

שאמעלע עטעלע

טעמע סימע

ראשע מאשע

אלע אלע

מארש מארש

לא לא לא



נא

נא א ניסעלע

טאטע וויר א ניסעלע

נא פישעלע א ניסעלע


נא א ניסעלע



אי אי אי

איטעלע פאלט — אי אי אי

שאַ איטעלע פישעלע פירט

 איטעלען פאלן

איטעלע אי אי



נעם נעם

נעם אילעלע אין שאפע א שיסעלע

שיט אלע ניס אין שיסעלע.

נעם פאר-שליס אלע ניס


אין שאפע וויט א שיסעלע,

אין שאפע א שיסעלע



א פאן.

אין שאפע א פאן.
אין פאן מאלינעס
מיט סמעטענע.
איטע נעמט מאלינעס
מיט סמעטענע.
פע איטע ניט מיטן
נעם א לעפעלע.
עס מיט א לעפעלע.



פּע איטע
ניט מיטן
איטע איטע
ריר ניט מיטן



נאס.

עס רינט.

נאס עס רינט

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]



איר א בּיסעלע

אים א בּיסעלע

מיר אין שיסעלע

בּערעלע, בּערעלע,

נא א בּארנע.

בּעסער מאמע א

בּערעלע, בּערעלע,

נא א פּישעלע.

בּעסער מאמע א ניסעלע.





ט ט ט ט ט ט

לאַכט בערעלע

איטע האַלט. באַ אייגן


אַ לעכעלע אין שיכעלע.

— לאַך ניט, בערעלע, פֿאַר־ריכט


בעסער אייגענעם שיכעלע.



כאַ כאַ כאַ, איך בין אַ



פעטער, פעטער,
איך, איך, איך.
מאך מיר א לאטע,
פאר־ריכט מיר שיך.



אָט פּאָרט אַ שליטעלע.

שטיל.

אַ פראָסט.

אָט פּאָרט וואָטעלע



מאָטעלע. האָרט אין הערעלעס שליטעלע.
אלע אלע מיט שליטעלעך.


נאָך א שליטל, נאָך א שליטל,

נאָך א סאך.

1 נאָך 1

א לאָף פון בערגל,

מיט א שטיף, מיט א לאך,



א סטאָליער

בערעלער [illegible] א סטאָליער.

ער מאַכט מעבל:

טיסן, הפוך, באהבה, הקטנטן.

[illegible]

[illegible]



[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

— הנה, הנה [illegible].

— היה, היה [illegible].



אַ וואַסער פירער.

אמאָל ווערט בערעלע אַ וואַסער פירער.

ער נעמט אַ פאַס וואַסער וויל אַ

עמער, שטעלט אַפן שטיין.

— ווער וויל וואַסער?

— ווער וויל וואַשן וועש?

— נעמט וואַסער. וואַשט וועש.

איטעלע נעמט וואַסער וואַשט וועש.

מאכט א ווארע,

מאכט א וועג.

ווער פאָרט?

ווער פאָרט?

א וואסער פירער,

א וואסער פירער,

פירט וואסער.



[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

— זעט נאָר! זעט נאָר!

— ווער איז עס?

זיסעלע מיט זאמעלען.

זיסעלע מיט זאמעלען ווילן וואשן.


זיסעלע וואשט.

זאמעלע פירט וואסער.

אלע ארבעטן.

ערשט עסן אלע.

אלע עסן זעמל מיט זיסע מילך.



גאָ גאָ! גאָ גאָ!

— גיכער, גיכער, גענדזעלעך!

— אָט — אָ! אָט אָ!

— אָט איז גערשטן פֿאַר אַלע.

— וואַסער ווילט איר?

— אָט איז וואַסער אין שיסעלע.


— עס - נאָר זיסעלען.

אַלע גענדזעלעך - טראָגן בײַ שיכעלעך.

אַלע גענדזעלעך ווי קליינע נעסטעלעך.

גאַ גאַ גאָ גאָ גאַ!

— מאמע! אלע גענזעלעך ווילן נאָך
א ביסעלע וואסער.
— איך וויל נאָך א ביסעלע מילך.
— נעם איטעלע אין שאפּע אין פאַן
— נעם א גלאָז מיט א שאָל.
— נעם אָן מיט א לעפעלע.
— נעם אָן, נאָר גיס ניט אָן.
— גיב זיסעלען אַ גלאָז מילך.
— גיב זאמעלען אַ גלאָז מילך.



קיס, קיס, קיס!

נעם, איטעלע, אין קיך א ביסל קאשע.

גיב מירקען.

קיס, קיס, קיס!

נא, מירקע, עס.

לעק, לעק, נאַרעלע!

געשמאַק, קאשע מיט מילך?



א

אין קיך אין א ווינקעלע,

א לעכעלע, א נאָרקעלע,

אין לעכעלע, אין גריבּעלע,


א בּרעקעלע,

מיט א לאנגן עקעלע.

פון נאָרקעלע קריכט,

וואָס עס געפינט אין קיך,

נאשט עס און עסט אף גיך.



— מו, מו, מו!

מאכט איטעלעס קו.

זי רופט איטעלען:

— קום, קום, איטעלע. גיב מיר עסן.

איטעלע רופט בערעלען:

— גיבער בערעלע, גיבער, קום מיט מיר

אין שטאל. װעסט זען אַ קו מיט אַ קעלבעלע.

בערעלע קוקט און קוועלט.
— זע, זע, איטעלע. זע ווי זי זויגט איר קעלבעלע.
זע ווי זי קושט עס.

איטעלעס קו.

איטעלעס קו איז א גוטע.

זי גיט אסאך מילך.

איטעלעס מאמע מאכט סמעטענע, קעז.

וואָס מאכט מען נאָך פון מילך?

לאָמיר נעמען מילך און מאכן סמעטענע,

קעז.

און וואָס נאָך?

וואָס עסט א קו?



געסט.

גיטעלע מיט פרומען.

אָ! געקומען גיטעלע מיט פרומען.

באַ פרומען אַ וואַנטעלע מיט בלומען.

— קום פרומעלע, קום גיטעלע.

קומט אין שטאַל, זען אַ קו מיט אַ קעלבעלע.

אונזער קיעלע.

אך ! ווי ליב אונזער קיעלע איז מיר !

איך האָב אָנגעריסן גרעזעלעך פאר איר ;

_ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _

_ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _ _

האָבן זאָל אונזער קיעלע עסן גענוג ,

געבן זאָל אונזער קיעלע מילך א פולן קרוג .





דין, דין, דין.

דאָ פֿאָרט מענדעלע.

מענדעלע פֿאָרט פֿון דאָרף.

ער פֿירט אַ פֿור קארטאָפֿלעס.

די קארטאָפֿלעס נעמט מענדעלע

באַ דער מומע דאָבען אין דאָרף.

דין, דין, דין.


דאָ פּאָרט מענדעלע.
– מענדעלע, מענדעלע!
– פון וואנען פארסטו?
– פון דאָרף.
– וואס פירסטו?
– קארטאָפּלעס.
– וואָס וועסטו מאכן?
– לאטקעס.
– פאר וועמען?
– פאר מיר, פאר דיר,
פאר דער מומע דאָבען
מיט דעם פעטער בער.



פּערלע.


פּערלעס טאַטע אַ שמיד.
ער מאַכט פּאָדקאָוועס פֿאַר פערדעס.
פערדעס [illegible] [illegible]: [illegible], וואַסער.
[illegible] פערדע, [illegible] דיר דער טאַטע [illegible]
פֿאַר אים גוטע פּאָדקאָוועס, וועט ער
שפּרינגען גאַלאָפּ.

האָפּ, האָפּ, האָפּ.
פערדל פאָר גאלאָפּ, —
איבער בערג און איבער גריבער
האָפּ, האָפּ, האָפּ.
פערדל וואַרף מיך ניט אראָפּ!



אַ רעטעניש

אַ פֿאָר הענט, ליקר פֿיס.
2 קעפּ און 1 עק —
פֿאַלן פֿון באַלן, אַלע אַוועק.



האַוו, האַוו, האַוו.

וואַכט ווענדעלעס הינטעלע

ווענדעלע האָט געבראַכט פֿון בּאַרג אַ

הינטעלע פֿאַר הערשעלען.


הערשעלע האָדעוועט דאָס הינטעלע.

ער גיט אים גוט עסן און טרינקען.

ווען דאָס הינטעלע איז שטאַרק הונגעריק,

עסט עס — גיך, גיך, און וואַכט:

האַם, האַם, האַם.



הינטעלע, הינטעלע

הינטעלע, טרעפּעלע!

גיבֿ מיר א לאפּקעלע,

העכער דאָס קעפּעלע.


ליַג לעבֿן מיר שטיל,

אויף די קינדער ניט בּיל.

אַ שניי.

עס פֿאַלט נאָך אַ שניי.
— שניי, שניי. —
ווייטער גיי!
מיר דאַרפֿן דיר ניט מער!
שיק בעסער, דעם פֿרילינג אַהער!

אָ, בייזער ווינטער!
טראָג זיך אָפּ!
דיין פֿראָסט און שניי נעם מיט!
אָט קומט דער פֿרילינג אָן גאַלאָפּ,
און יאָגט דיך טריט ביי טריט.




טיי

מיר טרינקען אַלע טיי.
— קום, רייזעלע, טרינקען טיי!
מיט אַ לעפעלע מיש.
אין שאָל, רייזעלע, גיס!
— פריידע, לאָמיר — טרינקען ביידע!
— נאַ, רייזעלע, עס אַ בייגעלע!
אַ! געשמאַק טיי מיט אַ פריש בייגעלע!

רייזעלע


רייזעלע קאָן נאָך ניט ריידן.
זי קאָן נאָר זאָגן: מאמע, טאטע, באָבע.
עס איז נאָר א געלעכטער מיט רייזעלען:
דעם זיידן רופט זי: זייזי,
גיטעלען רופט זי: טיטי,
פרומען – מומי און לייבעלען – בייבי.
מילך איז ביי איר – מאָני,
בולקע – פאפע,
און אן איי – קאָקאָ.

אז רייזעלע וויל שלאָפן, פארוויגט זי
פריידע און זינגט איר א לידל.



ביי, ביי, ביי.

שלאָף מיין קינד שלאָף,
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַן עפּעלע,
וועט זיין געזונט דאָס קעפּעלע.
שלאָף מיין קינד שלאָף,
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף.
וועט ער ברענגען אַ ניסעלע,
וועט זיין געזונט דאָס פיסעלע.
רייזעלע זינגט נאָך:
ביי ביי ביי, און שלאָפט איין.



א מויז.

אוי, אוי, עס לויפט א מויז,
פון טויער אין הויז. —

וואָס איז העכער פון א הויז?
וואָס איז פלינקער פון א מויז? -



זעט קינדער , וואָס פריידע האָט

אויסגעמאָלט מיט א שטיקל קויל אויף

דער וואנט :

א מויער מיט א דאך און מיט א קוימען .

פון קוימען גייט א רויך .


ביים טויער א הויכער בוים . ניט ווייט

פון טויער גייט א פרוי מיט א קויש .

נאָך דער פרוי לויפט א הינטל .

דער היטער פון הויף קערט די גאס

מיט א גרויסן בעזעם .



הערשל זיצט הײַנט נאָך און שרײַבט.
– שרײַבסט פֿײַן, הערשעלע?
– נײן, מאַמע, נײן!
נו, זאָג, מאַמע, אַלײן,
קאָן װער שרײַבן זײַן?
דער בלײַער ברעכט זיך,
דער העפֿט רײַסט זיך,
דער טיש שאָקלט זיך,
און דער לאָמפּ לעשט זיך.

ציפּ, צאָפּ, טאַמער.

ציפּ, צאָפּ, טאַמער —
קום צו מיר — אין קאַמער
איך וועל דיר אַלעס ווייזן —
ביסעלעך פון אייזן,
מילך אין די קריגעלעך —
קיכעלעך אין די שיסעלעך.
פֿרייען זיך די פייגעלעך: טו, טו, טו.

צום פרילינג.

פרילינג גוטער, פרילינג ליבער,
קום צוריק צו־ אונז אריבער,
קום און נעם דעם שניי אוועק,
און צום ווינטער מאך אן עק.
קום שוין, פרילינג, צו שפאצירן
און די פייגלען ברייגנ צופירן.
קום און ציר מיין גאָרטן אויס
מיט א מאָן און מיט א רויז.

די קליינע הינדעלעך

— שטיי אויף, פערדעלע, זע, מיר האָבן שוין
קליינע הינדעלעך!
וועקט מיך די מאמע, איינמאָל, אין דער פרי.
איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט און גלײַך — צו
דער הון.
איך זע: דרײַ געלינקע הינדעלעך, ווי פייגעלעך,
פּיקן שטיקעלעך קעז.
— מאמע, פאַרוואָס מער ניט ווי דרײַ?
— מיר האָבן דאָך געזעצט די הון אויף
א סאך אייער?
— וואַרט צו א ביסעלע, וועלן זײַן נאָך.
און באַלד הערט מען פּישטשען א הינדעלע.
די הון צעשפּרייט די פליגלען, און פון אן איי
שטעקט אַרויס א געל קעפּעלע פון א הינדעלע.
די מאמע לייגט ארײַן די הינדעלעך אין א טאָפּ פעדערן.
אַלע ווײַלע לויף איך צו הערן, צי עס איז שוין
דאָ נאָך א הינדעלע.

ווי באַר איך הער פּישטשען, רוף איך גלייך די מאַמע.

ביינאַכט זיצן שוין אַלע הינדעלעך אונטער דער הון.



העגדעלעך, הינדעלעך,
טעכטערלעך, זינדעלעך,
קוקט מיט די אויגעלעך,
שאַרט מיט די פּיסעלעך,
מאַכט מיט די קעפּעלעך,
פּיקט מיט די שנעבעלעך,
פֿאָכט מיט די פֿליגעלעך!

ווו נעמט מען אייער ?

ווער ווייס , קינדער , ווו נעמט מען אייער ?

— אייער קויפט מען אין מארק , זאָגט מאָטעלע

— אייער וואקסן אין גאָרטן , זאָגט מענדעלע .

און פערעלע לאכט :

— כא , כא , כא ! אייער וואקסן ניט ,

הינער לייגן אייער .



א רעטעניש.

איך בין אַליין גאַנץ הערי

און וואַש מיך ניט, איך האָב אַ קעמל


און האָרקעם מיך ניט ?

א גאסט פּאָרט.

א גאסט פּאָרט, א גאסט פּאָרט!
עפנט אלע בראָמען.
ניט אויף שליטן, ניט אויף רעדער.
טרעפט, ווי איז זיין נאָמען?

העכער, בעסער!

העכער, בעסער,
די ראָד, די ראָד מאכט גרעסער.
וואָרעם פריילעך איז אונז היינט,
זעט די זון נאָר, ווי זי שיינט,
פרילינג איז געקומען,
פרילינג איז געקומען!



כאָר: טרו, טרו, טראָ!

דער פרילינג איז שוין דאָ.

פרילינג: איך ווינק צו אייך אין פענסטער

זעט, קינדער, איך בין דער שענסטער.

כאָר: יאָ, יאָ, יאָ!

דער פרילינג איז שוין דאָ.

כאָר: טרו, טרו, טראָ!
דער פויגל איז שוין דאָ.

דער פויגל: איך קום צו אײַך שוין ווידער
און זינג אײַך נײַע לידער.

כאָר: יאָ, יאָ, יאָ!
דער פויגל איז שוין דאָ.



דאָס נעסטל ווייך אויסגעבעט,
די שנעבעלעך שוין אָפּגעגלעט,
שטיל די אויגעלעך, פאַרמאַכט,
פייגעלעך, א גוטע נאַכט!

פערעלעס גערטענדל .

געקומען דער פרילינג . פערעלע וויל זיך
מאכן א גערטעלע .
אין זייער גרויסן גאָרטן , נאָנט ביים פארקאן ,
אין א ווינקעלע , האָט די מאמע פערעלען
אָפּגעגעבן א בייט ערד .
פערעלע פרייט זיך . זי קומט אין שול
און דערציילט פאַר אלע קינדער .
בערעלע זאָגט : איך גיי מיט דיר , פערעלע ,
דיר העלפן ארבעטן אין גאָרטן .
מענדעלע שרייט : איך גיי אויך .
איטע , מאַשע גייען אויך מיט .
געקומען אין גאָרטן , צעגראָבן , געמאַכט בייטן
און פאַרזייט :

ציבעלע און קראָפּ ,
בלומען ביי די זייטן .
רויזן , מאָן און באָב .

אלע טאָג קומען די קינדער אין גאָרטן
און באגיסן מיטן בלעכענעם קאן די בייטן.
מען באקוקט, צי עס הויבט שוין אָן צו
וואקסן.
גיך האָבן די קינדער דערזען, ווי די
רעטעכלעך רוקן זיך ארויס פון דער ערד,
מיט צוויי קליינע בלעטעלעך.
נאָך די רעטעכלעך האָט געגומען וואקסן
אלץ, וואָס מען האָט פארזייט.
די קינדער האָבן זיך געפרייט און געזונגען
א לידל:

דאָס גערטעלע צעאַקערט,
די בייטעלעך פארזייט,
האָבן מיר זיך אַלע,
קינדערלעך, געפרייט.

איינגעזועצט אין גערטל
ציבעלע און קראָפּ ,
בלומען ביי די זייטן ,
רויזן , מאָן און באָב .

און די זון פון הימל
שיקט איר שיין אראָפּ ,
פרייען מיר זיך אלע
און זינגען : האָפּ ! האָפּ !

לאָמיר , קינדער , אלע
היטן יעדן בייט
אלץ זאָל זיין געראָטן ,
וואָס מען האָט פארזייט .



א רעגנדל

טריפט א רעגנדל ,
טריפט א רעגנדל ,
קאפ , קאפ !

אין שייבעלעך ,
אין די דעכעלעך :
קלאפ , קלאפ !

און די פייגעלעך ,
מיט די הינדעלעך :
ציפ , ציפ !

צו די סטריכעלעך ,
צו די דעכעלעך :
היפ , היפ !

נאָר די קינדערלעך ,
אויפן רעגנדל :
האָפ , האָפ !

אין דעם לויטערן ,
קלאָרן וואסערל :
שליאָפ , שליאָפ !

אויס דאָס רעגנדל ,
שײַנט א זונעלע :
שײַן , שײַן !

און די קינדערלעך ,
אלץ אין וואסערל :
פײַן , פײַן !

באלד וועט ברויט זיין

באלד וועט ברויט זײַן, ס'וואקסן זאנגען,
טאנצט-זשע, אלע קינדער,
לוסטיק, פריילעך מיט געזאנגען,
אין א ראָד געשווינדער.

עס איז שוין שניט צײַט, עס איז דאָך ווארעם,
עס קלינגען אין פעלד די סערפּן,
אלע שנײַדן מיט א ליארעם,
קאָרן, ווייץ און גערשטן.
באלד וועט ברויט זײַן — ...

כאפּט א נאסקייט כאפּט א רעגן,
טויג ניט פארן פויער.
טרײַב דאָס פערדל, שטופּ דעם וואָגן
פאָר געשווינד אין שײַער.
באלד וועט ברויט זײַן — ...

א שטיקל ברויט

— מאמע, מאמע, גיב מיר א שטיקל ברויט!

— גיי, מיין קינד, צום בעקער, וועט ער דיר געבן א לעבל ברויט.

— בעקער, בעקער, גיב מיר א לעבעלע ברויט!

— גיי, מיין קינד, צום מילנער וועט ער דיר געבן מעל, וועל איך דיר אויסבאקן א לעבעלע ברויט.

— מילנער, מילנער, גיב מיר א ביסל מעל!

— גיי, מיין קינד, צום פויער, וועט ער דיר געבן קארן, די קארן וועל איך צעמאלן אויף מעל, וועסטו געבן די מעל דעם בעקער, וועט ער דיר אויסבאקן א לעבל ברויט.

— פויער, פויער, גיב מיר א ביסל קארן!

— גיי, מיין קינד, אין פעלד, געפין דארטן זאנגען, איך וועל פון די זאנגען אויסדרעשן די קערנער, וועסטו די קערנער אפגעבן דעם מילנער, דער מילנער וועט זיי צעמאלן אויף מעל, און דער בעקער וועט פון די מעל דיר א לעבעלע ברויט אויסבאקן.

בּרייטעלע

בּרייטעלע, בּרייטעלע קליין!
בּרייטעלע מוז קיילעכדיק זיין!
און יעצט שנעל, אין אויוון אריין!
גענוג אין אייוועלע געזעסן,
האם-האם! אויפגעגעסן!

דו שלאָגסט זיך גאָר!

פּערעלע איז אראָפּ אין גאָרטן געזעגענען זיך מיט אירע בּלומען.
די בּלומען זיינען געווען שוין פאַרוועלקט.
זי האָט געוואָלט זיך געזעגענען מיט די פייגעלעך, זיינען זיי, שוין אוועקגעפלויגן.
פּערעלע האָט אומעטיק און שטיל געשעפּטשעט:
— דער האַרבּסט, דער האַרבּסט!
פלוצלונג האָט איר ווער אין אקסל א קלאַפּ געגעבן.
פּערעלע האָט זיך אומגעקוקט — אן עפּל!
אן עפּל איז פון בּוים געפאלן.
זי האָט אים אויפגעהויבּן און מיט א געלעכטער א זאָג געטאָן:
— דו שלאָגסט זיך גאָר עפּעלע?
וועל איך דיר דערפאר אויפעסן...
און פּערעלע האָט מיט אירע ווייסע ציינדעלעך דאָס עפּעלע איינגעבּיסן.

האַרבסט

קומט דער האַרבסט, קומט דער האַרבסט
שטייען ביימער גרייטע;
הענגען זייערע צווייגעלעך
פול מיט עפל רויטע.

גיי איך צו די עפּעלעך,
זאָג זיי: „א גוט מאָרגן!"
זייט איר ניט קיין שלעכטינקע,
וועט איר איינס מיר באָרגן!

דער ליבער זומער
איז אוועק,
רעגנס קאַפּען
גאַנצע טעג.

נאַסע ווינטלעך
בלאָזן קאַלט,
טרייבן פייגל
פון דעם [illegible]אלד.

פייגעלעך, פייגעלעך,
פליט מיט גליק,
געזונטערהייט, באַר
קומט צוריק!

א מַעשֶׂה מיט דריי בערן

א מאָל זיינען געווען דריי בערן און האָבן געלעבט אינײנעם אין א שטיבעלע אין מיט וואלד.

איינער פון זיי איז געווען גאָר א קליין בערעלע.

דער צווייטער איז געווען א גרעסערער בער.

און דער דריטער איז געווען גאָר א גרויסער בער.

יעדער פון זיי האָט זיך געהאט זיין טעלערל צום עסן.

דאָס קליין בערעלע — א קליין טעלערל, דער גרעסערער בער א גרעסער טעלערל און דער גרויסער בער — א גרויסן טעלער.

און יעדער האָט געהאט זיין אייגן בענקעלע צום זיצן:

דאָס קליין בערעלע — א קליין בענקעלע, דער גרעסערער בער — א גרעסער בענקעלע און דער גרויסער בער — א גרויס בענקל.

און יעדערער האָט געהאט זיין אייגן בעטל צום שלאָפן:

דאָס קליין בערל — א קליין בעטעלע, דער גרעסערער בערעלע — א גרעסער בעטעלע און דער גרויסער בער — א גרויסע בעט.

איינמאָל האָבן זיי זיך אָפּגעקאָכט א יויך אויף מיטאָג, האָבן די יויך צעגאָסן אין די טעלער, און אליין זיינען זיי זיך אביסל דורכגעגאנגען אין וואלד, ביז די יויך וועט זיך אויסקילן.

דאָס איז געווען זייער א גוטע פעטע יויך.

די בערן שפּאַצירן זיך דאָרט, און אין זייער שטיבעלע איז דערווייל אריינגעקומען א קליין מיידעלע, גאָלדהאָר האָט מען זי גערופן.

דאָס מיידעלע איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין דעם וואלד און האָט דאָס קליינע שטיבעלע נאָך קיינמאָל נישט געזען. דאָס איז געווען אזא ליכטיק, שיין, קליין שטיבעלע!

דאָס מיידעלע האָט געכאַפּט א קוק אין פענסטער אריין, דערנאָך אין לאָך פון שלאָס. דערזען, אז קיינער איז אין שטוב ניטאָ, האָט זי אן עפן געטאָן די טיר—די טיר איז נישט געווען פאַרשלאָסן, ווייל די בערן זיינען געווען גוטע בערן, זיי האָבן אליין קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן, און נישט געטראַכט, אז עמעצער אן אנאנדערער קאָן זיי שלעכטס טאָן.

גאָלדהאָר איז אריינגעגאַנגען אין שטיבעלע, האָט דערזען אויפן טיש די אויסגעקילטע יויך, האָט זי זיך שטארק דערפרייט און באַלד גענומען זיך אליין מכבד זיין.

אפריער האָט זי פארזוכט דעם גרויסן בערס יויך, איז'ס געווען צו הייס, דערנאָך האָט זי פארזוכט דעם גרעסערן בערס יויך, איז'ס אָבער געווען צו קאַלט, דעמאָלט איז זי צוגעגאַנגען צום קליינעם בערעלעס טעלערל און פארזוכט די יויך, איז'ס געווען נישט צו הייס, נישט צו קאַלט, פונקט ווי מען דאַרף. און די יויך איז געווען אזוי געשמאַק, אז זי האָט עס אויפגעגעסן אינגאַנצן. דערנאָך איז גאָלדהאָר ארויפגעקראָכן אויפן גרויסן בערס בענקל, איז'ס אָבער געווען צו האַרט פאַר איר. האָט זי אפּרווו געטאָן דעם מיטלען בערס בענקל—איז'ס צו ווייך געווען, איז זי דעמאָלט ארויף אויף דעם קליינעם בערעלעס בענקעלע, און עס איז געווען נישט צו האַרט און נישט צו ווייך, פונקט ווי מ'דאַרף. אָבער דאָס מיידעלע האָט זיך אזוי טיף אין דעם אריינגעזעצט, אז דאָס בענקל האָט זיך צעבראָכן און גאָלדהאָר איז געפאַלן אויף דער ערד מיט די פיסלעך ארויף.

האָט זיך דאָס מיידעלע אויפגעהויבן, איז ארויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ ארויף. דאָס איז געווען דער שלאָף-צימער פון די בערן און עס זיינען געשטאַנען דריי בעטלעך.

צוערשט האָט זי זיך צוגעלייגט אינם גרויסן בערס בעט. איז איר אָבער געווען צו הויך צוקאָפּנס, האָט זי זיך אוועקגעלייגט אינם מיטעלן בערס בעטל, איז'ס אָבער געווען צו נידעריק צופוסנס, איז זי דעמאָלט אריבער אינם קליינעם בערעלעס בעטעלע, און דאָס איז געווען נישט צו הויך, נישט צו נידריק, פונקט, ווי מ'דארף. האָט זיך גאָלדהאָר איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע און איז אנשלאָפן געוואָרן.

אָפּגעשפּאצירט, זיינען די בערן צוריקגעקומען אהיים, נעמען זיך צום מיטאָג.

און גאָלדהאָר האָט געלאָזן שטעקן דעם גרויסן בערס לעפל אין זיין טעלער.

— עמעצער האט געטשעפּעט מיין יויך! —

האָט דער גרויסער בער געזאָגט אויף זיין גראָבן קול.

און אז דער מיטעלער בער האָט א קוק געגעבן אין זיין טעלער, האָט ער דערזען, אז אויך אין זיין יויך ליגט דער לעפל.

— מיין יויך האט אויך עמעצער געטשעפּעט! —

האָט דער מיטעלער בער געזאָגט מיט זיין שטילערער שטים.

דעמאָלט האָט דאָס קליינע בערעלע אויך א קוק געגעבן אין זיין טעלערל, ביי אים אין טעלער איז אויך געלעגן די לעפל, נאָר זיין יויך איז דאָרט שוין נישט געווען!

— מיין יויך האָט אויך עמעצער געטשעפּעט און זי איינגאַנצן אויפגעגעסן — האָט דאָס בערעלע א געשריי געטאָן מיט זיין דין, שוואך קעלעכל.

דאָס דערזען, האָבן די דריי [illegible]זטאנען, אז עמעצער איז דאָ געווען אין שטוב ביי זיי, [illegible] האָבן גענומען זוכן אין אלע ווינקעלעך.

און אז גאָלדהאָר איז אויפגעשטאנען פונם גרויסן בערס בענקל, האָט זי נישט אוועקגעלייגט דאָס קישעלע צוריק אויף זיין אָרט.

— עמעצער איז געזעסן אויף מיין בענקל! —

האָט דער גרויסער בער געזאָגט מיט זיין גראָבער שטים.

און גאָלדהאָר האָט צעקנייטשט אויך דאָס קישעלע פונם מיטעלן בענקל.

— עמעצער איז געזעסן אויף מיין בענקל! —

האָט דער מיטעלער בער געזאָגט מיט זיין שטילער שטים.

און וואָס גאָלדהאָר האָט געטאָן מיטן דריטן בענקעלע ווייסט איר דאָך שוין.

— עמעצער איז געזעסן אויף מיין בענקל און עס איינגאַנצן צעבראָכן! — האָט געשריען דאָס קליינע בערעלע מיט זיין דין, שוואך קעלכל.

דאָס אַלץ דערזען און אונטן קיינעם נישט געפונען, האָבן זיך די בערן פארטראכט: מ׳דארף ארויפגיין ארויף, א קוק טאָן אין שלאָף צימער.

גאָלדהאָר האָט געהאלטן דעם גרויסן בערס קישן און נישט אוועקגעלייגט צוריק אויף איר אָרט.

— עמעצער איז געלעגן אויף מיין בעט! —

האָט דער גרויסער בער געזאָגט מיט זיין גראָבער שטים.

גאָלדהאָר האָט אראָפגערוקט דעם קישן אויך אויפן צווייטן בעט,

— עמעצער איז געלעגן אויף מיין בעט! —

האָט דער מיטעלער בער געזאָגט מיט זיין שטילערער שטים.

און אז דאָס קליינע בערעלע האָט א קוק געגעבן אויף זיין בעטעלע, איז דער קישן געווען אויף זיין אָרט, און אויף דעם

קישן האָט ער דערזען אַ קאָפּ מיט דינע גילדענע פעדעמלעך ;
דאס איז געווען דעם מיידעלעס גילדענע די האָר !

— עמעצער האָט זיך געלייגט אין מיין בעטל און ליגט
נאָך איצט אויך ! — האָט אַ געשריי געטאָן דאס קליינע בערעלע
מיט זיין דין , ש'ואַך קעלעכל .

גאָלדהאָר האָט אין שלאָף געהערט דעם גרויסן בערס גראָבן
קול , האָט זי געמיינט — ס'דונערט . דערנאָך האָט זי געהערט דעם
מיטעלן בערס שטילערע שטים , האָט זיך איר אויסגעוויזן — מ'רעדט
פון שלאָף , און אז זי האָט דערהערט דעם קליין בערעלעס דין ,
שוואַך קעלכל , האָט עס איר אזא קוויטשע געטאָן אין אויער , אַז
זי האָט זיך גלייך אויפגעכאַפּט . זי האָט אויף דער גיך זיך
אוועקגעזעצט אויפן בעטעלע און דערזען דריי בערן נעבן זיך , האָט
זי זיך אראָפּגעקוילערט אויף דער ערד פון צווייטער זייט און זיך
געלאָזט לויפן צום פענסטער .

דער פענסטער איז געיוען אָפן , ווייל די בערן , אַז זיי פלעגן
גאַנץ פרי ארויסגיין פון זייער שלאָפ צימער , פלעגן זיי
אויפעפענען די פענסטער .

דער פענסטער איז געווען נישט גאָר הויך , איז גאָלדהאָר
ארויסגעשפרונגען דורכן פענסטער און זיך געלאָזט לויפן מיט אלע
כחות אהיים צו איר מאמעשי .

דער יעגער

יאנקעלע וויל א יעגער זײַן ,
יאנקעלע וויל אין וואלד ארײַן ,
שיסן וויל ער נאָר א בער !
ווו נעמט מען געווער ?

אונזער יאנקעלע דערזעט —
אין ווינקעלע א בעזים שטייט !
מיטן בעזים וועט ער יאָגן ,
און א גרויסן בער דערשלאָגן !

ער קען אין שטוב שוין מער ניט בלייבן !
וויל דעם בעזים אונטערהייבן ,
שווערער בעזים קערט זיך איבער ,
און דער יעגער פאלט אריבער !

ניט קיין בער און ניט קיין האָז ,
נאָר צעשלאָגן זיך די נאָז !
ער וויל שוין נישט אין וואלד ארײַן ,
ער וויל שוין נישט קײַן יעגער זײַן !

דער רעטעך

א גאנצן ווינטער איז דער זיידע נח געזעסן אויפן אויוון, אז דער פרילינג איז געקומען, האָט זיך דער זיידע נח פאר דער ארבעט גענומען און פאַרזעצט א רעטעך. איז געקומען דער זומער, איז דער רעטעך אויסגעוואָקסן א גרויסער און א גראָטענער.

האָט דער זיידע נח געוואָלט דעם רעטעך פון דער ערד ארויסשלעפן. ער שלעפט און צ״ט, ציט און שלעפט און אַרויסשלעפן דעם רעטעך קאָן ער ניט.

האָט דער זיידע נח די באָבע זלאטע גערופן, זי זאָל העלפן דעם רעטעך פון דער ערד ארויסשלעפן. די באָבע זלאטע שלעפט דעם זיידן פאר דער קאפאָטע, דער זיידע נח שלעפט דעם רעטעך מיטן גאנצן כח, זיי שלעפן ציען, ציען שלעפן, נאָר ארויסשלעפן דעם רעטעך קאָנען זיי ניט.

האָט די באָבע זלאטע גערופן איר אייניקל פריידע. דאָס אייניקל פריידל שלעפט די באָבע פארן קליידל, די באָבע זלאטע שלעפט דעם זיידן פאר דער קאפאָטע, דער זיידע נח שלעפט דעם רעטעך מיטן גאנצן כח, זיי שלעפן ציען, ציען שלעפן, נאָר ארויסשלעפן דעם רעטעך קאָנען זיי ניט.

האָט דאָס אייניקל פריידל גערופן דאָס הינטעלע-טרעפעלע. הינטעלע-טרעפעלע שלעפט דאָס מיידעלע פארן צעפעלע, דאָס אייניקל פריידל שלעפט די באָבע זלאטע פארן קליידל, די באָבע זלאטע שלעפט דעם זיידן פאר דער קאפאָטע, דער זיידע נח שלעפט דעם רעטעך מיטן גאנצן כח, זיי שלעפן ציען, ציען שלעפן, נאָר ארויס-שלעפן דעם רעטעך קאָנען זיי ניט.

האָט דאָס הינטעלע טרעפּעלע גערופן דאָס קעצעלע דראַפּקעלע. קעצעלע־דראַפּקעלע שלעפּט דאָס הינטעלע פאַר א לאַפּקעלע, הינ־טעלע טרעפּעלע שלעפּט דאָס מיידעלע פאַרן צעפּעלע, דאָס אייניקל פריידל שלעפּט די באָבע פאַרן קליידל, די באָבע זלאַטע שלעפּט דעם זיידן פאַר דער קאַפּאָטע, דער זיידע נח שלעפּט דעם רעטעך מיטן גאַנצן כח, זיי שלעפּן ציען, ציען־שלעפּן, נאָר אַרויסשלעפּן דעם רעטעך קאָנען זיי ניט.

האָט דאָס קעצעלע דראַפּקעלע גערופן דאָס מייזעלע ברעקעלע. מייזעלע ברעקעלע שלעפּט דאָס קעצעלע פאַרן עקעלע, קעצעלע דראַפּקעלע שלעפּט דאָס הינטעלע פאַרן לאַפּקעלע, הינטעלע טרעפּעלע שלעפּט דאָס מיידעלע פאַרן צעפּעלע, דאָס אייניקל פריידל שלעפּט די באָבע פאַרן קליידל, די באָבע זלאַטע שלעפּט דעם זיידן פאַר דער קאַפּאָטע, דער זיידע נח שלעפּט דעם רעטעך מיטן גאַנצן כח, זיי שלעפּן ציען, ציען שלעפּן, און האָבן קוים דעם רעטעך פון דער ערד אַרויסגעריסן.

דער זיידע קוועלט, דער רעטעך אים געפעלט, די באָבע זינגט, דאָס אייניקל שפּרינגט, דאָס הינטעלע האַווקעט, דאָס קעצעלע ניאַווקעט, און דאָס מייזעלע ברעקעלע פאָכעט מיטן עקעלע.



צו די לערער

פאַרייניקן דעם לימוד פון יידיש מיט דער גאַנצער אַרבעט אין קלאַס, — דאָס איז דער וויכטיקסטער יסוד אויף וועלכן ס'איז געבויט „מיין ביכל".

ס'איז נאָך ווייניק, אַז אַ ביכל פאַרן ערשטן שול־יאָר זאָל בכלל באַשטיין פון לייכטע מעשיות, צוגעפּאַסט פאַר קליינע קינדער.

עס איז דורכאויס וויכטיק צו געבן אַזאַ מאַטעריאַל, וועלכע זאָל זיין ענג פאַרבונדן מיט די געשעענישן פון קינדער־לעבן און קינדער־איבערלעבונגען, מיט פּאַסירונגען פון קינדס שטוב און קינדס סביבה.

אַפילו די בילדער, וואָס דאָס קינד זעט אין דעם ביכל, דאַרפן זיין נאָענט און היימיש דער סביבה, פון וועלכער דאָס קינד קומט.

פון דעם ווערטער־און בילדער־מאַטעריאַל, וואָס קומט אין ביכל, וועט דעם לערער לייכט זיין צו אָרענטירן זיך אין דער אויסגעהאַלטענקייט פון דעם סיסטעם.

פון ערשטן מאָמענט אָן, ווי נאָר דער לערער טרעט צו צום לימוד פון יידיש אין קלאַס ביז צום פאַרענדיקן דעם ערשטן לערן־יאָר, האָט ער אין ביכל די פּאַסיקסטע און גייסטיקע טעמעס, וועלכע זיינען פאַרשטענדלעך און נאָענט דעם קינדער עלטער.

צום סוף פונם ביכל קומט אַריין אַ טייל מאַטעריאַל אויך פאַרן אָנהויב פון 2־טן שול־יאָר. ביז מען שאַפט זיך איין, אין וו־טן קלאַס, דאָס פּאַסיקע ביכל, קאָן נאָך דער לערער געפינען אין „מיין ביכל" אינטערעסאַנטן און צוגעפּאַסטן מאַטעריאַל.

די טעמעס, וואָס קומען אין ביכל, זיינען געגעבן און איינגעטיילט אין דעם געהעריקן סדר, לויט וועלכן עס איז מעגלעך און נויטיק איינצופירן זיי אין קלאַס. דער גאַנצער מאַטעריאַל און די איינטיילונג פון דעם מאַטעריאַל אַנטשפּרעכן דעם פּראָגראַם פאַרן ערשטן שול־יאָר, וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע ביים פּעדאַגאָגישן אָמט פון דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער איך האָב אָנטייל גענומען, אַזוי אַרום האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט דורכצוקאָנטראָלירן און פאַראייניהייטלעכן דעם מאַטעריאַל, וועלכער האָט זיך ביי מיר אָנגעקליבן אין פאַרלויף פון מיין אַרבעט אינם ערשטן לערן־יאָר ביי די יידישע שולן.

און איצט אַ פּאָר דערקלערונגען וועגן טעקסט און די בילדער:

ד אָ ס ע ר ש ט ע ב י ל ד — די מאַמע פירט מאַשען צו פאַרשרייבן זי אין שול. דאָס איז די וויכטיקסטע געשעעניש אין לעבן פון אַ 6—7 יאָריק קינד. די גרעסטע איבערלעבעניש זיינס, ווען עס טרעט אַריבער דאָס ערשטע מאָל די שוועל פון שול.

דאָס צווייטע בילד — ווי נאָר דאָס קינד קומט אַריין אין שול, וויל עס תּיכף שרייבן. ווען די לערערין דהאַלט נאָך אין „אָרגאַניזירן" דעם קלאַס, הערט מען שוין דעם פאַרלאַנג פון/די קינדער: „לערערין, ווען וועלן מיר שוין שרייבן".

אָנשרייבן זיין אייגענעם נאָמען, איז פאַרן קינד דער גרעסטער אינטערעס. מאַשע האָט זיך טאַקע אויסגעלערנט אָנשרייבן איר נאָמען. זי לויפט אַ היים און ברענגט די גרויסע שמחה איר מאַמען. די מאַמע קומט אָן פון גאַס. מאַשע ווייזט איר גלייך, אַז זי קאָן שוין שרייבן: „מאַמע מאַמע מאַשע".

בילד דריי מאַשע איז ווידער אין שול, אויף אַ לעקציע. זי שרייבט „טאַטע", ווידער דאָס נאָנסטע און ליבסטע וואָרט ביים קינד.

בילד פיר אַ מאָמענט פון שול-לעבן. די קינדער אין גרויסן זאַל שפילן אין אַ קרייז, זינגען „טאַ ראַ ראַ ראַ". ביים לייענען דעם טעקסט, קאָן מען צוזאַמען מיט די קינדער צוטראַכטן אַ מעלאָדיע.

בילד פינף אין לערער צימער, אָדער קאַנצעלאַריע. דער לערער פאַרשרייבט אַ נייַ קינד און פרעגט:

ווי הייסטו — ראַשע

ווי הייסט די מאַמע טעמע

ווי הייסט דער טאַטע — שאַמע.

בילד זעקס — מאַשע אין דער היים, זי שפילט זיך אין הויף און היט אָפּ גלייכצייטיק איר קליין שוועסטערל, עטעלען. אַ כאַראַקטעריסטישער מאָמענט אין לעבן פון פאָלקס-קינד, וואָס גיט אַכטונג אויף דעם קלענערן ברודערל אָדער שוועסטערל.

בילד זיבן — מאַשע אין שטוב גיט עסן עטעלען.

בילד אַכט — ווידער אין שול, אַ לעקציע פון אַרבעט. מען שניידט אויס פּרוכטן, בלעטער, בלומען. עס איז האַרבסט, פּרוכטן, בלעטער באַגעגנט מען דאָך פיל אין גאַס און אין שטוב. מען צייכנט פּרוכטן, בלעטער. מען קלעפּט זיי פון ליים און מען שניידט זיי אויס פון פּאַפּיר.

בילד ניין — ווידער אַ שפּיל אין הויף, עס פיגורירן נאָך קינדער.

דאָ איז שוין פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו געבן אַ גרעסערן טעקסט. איבערחזרן דאָס וואָס איז שוין פון פריער באַקאַנט: ווערטער נאָנטע, באַקאַנטע מיט אַן אינהאַלט, ניט קיין סתם מעכאַנישע ווערטער.

ווייטער איז שוין אין טעקסט גופא קלאָר דער אינהאַלט און סיוזשעט פון די געגעבענע טעמעס, און דער לערער וועט שוין, לויט זיין פאַרשטאַנד און אינטואיציע, קענען באַהאַנדלען און באַאַרבעטן אין שול ווי געעריק דעם ווייטערדיקן מאַטעריאַל.

דאָס פּראָבלעם פון אַריינפירן אין אַן אַלף־בית־בוך דעם ג ע ד ר ו ק ט ן טעקסט, וועלכער פאַרשאַפט שטענדיק אין קלאַס טעכנישע שוועריקייטן, אַפילו בײַם באַניצן זיך מיט אַ באַוועגלעכן געדרוקטן אַלף־בית, ווערט אין „מײַן ביכל" געלייזט אויף פאָלגענדן אופן:

בײַם אָנהייב ווערט דער געדרוקטער טעקסט אַריינגעפירט דורך אותיות, וואָס זיינען באַקאַנט די קינדער, אָדער אַזעלכע אותיות, וואָס זיינען ענלעך צו געשריבענע. צום ביישפּיל ס ר ב צווישן דורך קורצע שורות, דערנאָך ווערט בהדרגה פאַרברייטערט ביז מען גייט אומבאַמערקבאַר איבער צו לייענען זעלבסשטענדיק דעם געדרוקטן טעקסט.

די אַרבעט פון באַנוצן זיך מיטן באַוועגלעכן אַלף־בית קען אַזוי אַרום אויסגעמיטן ווערן. דער געדרוקטער טעקסט אין „מײַן ביכל" איז געגעבן מיט אַ גרויסן קלאָרן שריפט, אַזוי אַז עס פאַרלייכטערט טייל דעם פּראָצעס פון לעזן.

איך דריק דאָ אויס מײַן הייסן דאַנק די חשובע חברים ח. ש. קאַזשדאַן און ישראל רובין פאַר זייער אַנטייל נעמען אין דער רעדאַקציע פון ביכל און פאַר זייער צוהילפיק זיין מיר מיט גוטע עצות.

איך מוז דאָ אויך דערמאָנען באַזונדער בן ציון סידעלקאָווסקי, בײַ וועלכן איך האָב גענומען דעם פאָלגענדיקן מאַטעריאַל פאַר מײַן אַרבעט:

אַ מייזעלע, געקומען גיסטעלע מיט פרומען, הינטעלע טרעפעלע, טיי, רייזעלע, פריידע שרייבט שיין, זעט, קינדער, וואָס פריידע האָט אויסגעמאָלט, הענדעלעך הינדעלעך, דער זיידע מיטן רעטעך.

די איבעריקע זאַכן זיינען גענומען:

צום פרילינג פון י. ראָזנבוים

דאָס גערטעלע צעאַקערט - שרה רייזען

דאָס נעסטל ווייך אויסגעבעט י. ל. פרץ

אַ רעגנדל — ש. גאָרעליק

אַ שטיקל ברויט - „לעבעדיקע קלאַנגען"

ברייטעלע - י. ל. פרץ

מײַן קיעלע - א. כהן

אַ גאַסט פאָרט מ. טייטש

די שלאָגסט זיך גאָר — יצחק קאַצנעלסאָן

דער ליבער זומער איז אַוועק — יצחק קאַצנעלסאָן

די בערן - לויט מיט בריאַן (יידיש ב. סלוצקי)

יאַנקעלע וויל אַ יעגער זיין - י. ל. פרץ

אין אַ טייל עקזעמפלאַרן זיינען אַריין פאָלגנדיקע דרוק־גרייזן, וועלכע די לערער ווערן געבעטן צו פאַרריכטן:

אויף זייט 27 שורה 1—נאָך „מאָטעלע" דער פּונקט איבעריג.

„ „ 34 „ 7—דאַרף זיין—ז י ס ע ל ע, נישט ז י ס ע ל ע ן,

„ „ 56 „ 2-דאַרף זיין נישט פ ע ר ד ע ל ע נאָר פ ע ר ע ל ע.

צ י פ ע פ ר ע ס

פרייז 2 גילדן

פארלאג און בוכהאנדלונג
ב. קלעצקין

WARSZAWA, LESZNO 36.